Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 15 | Łódź, Poniedziałek 18 stycznia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, י' שבט תרצ"ב | № 15

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# מורא'דיגע באהן-קאטאסטראפע

## 27 דער'הרג'עטע; 44 פערוואונדעטע

פאריז, 17 (ספ. טעל.) צווישען פאריז און ליעזש איז א שנעל-צוג אראפ פון די רעלסען.

עס זענען פערהאן 27 טויטע, און 44 פערוואונדעטע.

עס גייען ארום קלאנגען אז דא איז געווען אן אטענטאט.

## וויטאס ווארענט פאר'ן גוזמא'דיגען אפטימיזם

### אויפ'ן באנקעט לכבוד די פערמשפטע בריסקער

ווארשא, 17 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) ווי בעוואוסט האט אין דעם טאג ווען ס איז ארויסגעגעבען געווארען דער אורטייל אין „בריסקער" פראצעס געוואלט פארקומען א באנקעט פון „צענטראלעוו" לכבוד די פערמשפטע דעפוטאטען.

דער באנקעט איז דאן אפגעלייגט געווארען און ער איז ערשט פארגעקומען, אין זאל פון טעאטער „אטענעאום".

עס זענען געווען אנוועזענד עטליכע הונדערט געסט.

רעדעס האבען געהאלטען ליבערמאן, וויטאס, די ארוואקאטען נאוואדווארסקי, בערנסאן א. א.

אין זיין רעדע האט וויטאס צ. א. געזאגט, אז דער וועג צום נצחון איז נאך זעהר ווייט, און מ'דארף נישט אריינפאלען און איבערגעטריבענעם אפטימיזם.

די שטימונג אויפ'ן באנקעט איז געווען זעהר א הייטערע.

## יאפאן דראהט מיט'ן ארויסטרעטען פונ'ם פעלקער-בונד

זשענעווע, 17 (ספ. טעל. עס איז אנגעקומען א מעלדונג פון דער יאפאנישער רעגירונג צום פעלקער בונד, אין וועלכען זי מעלדעט, אז אויב דער פעלקער-בונד וועט אננעמען א בעשלוס, אז יאפאן זאל זיך אפזאגען פון צונעהמען מאנדזשוריע, וועט זי ארויסטרעטען פון פעלקער בונד.

## באהן-קאטאסטראפע אין אמעריקא

### צוליב'ן אראפרוטשען זיך פון דער ערד איז פאר'עקומען א שווערע קאטאסטראפע מיט א שנעל-צוג אין קאנזאס-סיטי



## די יאפאנישע מיליטער-כח'ות אין מאנדזשוריע

שאנכאי, 17 (ספ. טעל.) די יאפאנישע מיליטער-קרעפטען, וואס זענען קאנצענטרירט אין מאנדזשוריע, ווערען בערעכענט מיט דער צאהל פון העכער 100 טויזענד מאן.

לויט ידיעות פון טאקיא, האט דאס יאפאנישע קריגס-מיניסטעריום ארויסגעשיקט נאך דריי דיוויזיעס קיין מאנדזשוריע.

## שטארקע דייבונגען ביי די אוקראינער

לעמבערג, 17 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) אין די קרייזען פון די איקראינער פיהרער קומען איצט פאר שטארקע דייבונגען.

עס האנדעלט זיך וועגען דעם, צי מ'זאל מאכען די איינאנדער מיט דער רעגירונג, צי נישט.

עס וועגט אבער איבער די מעהרהייט פון די, וואס ווילען גיין אויף א קאמפראמיס מיט דער רעגירונג.

## געגען חיימזאנ'ס קאנדידאטור

### זאגען זיך ארויס די ציונ. מיטגל. פון ועד הקהלות פון ענגלאנד

לאנדאן, 17 (יט"א טעלעגראפיש) די ציוניסטישע מיטגלידער פון ועד הקהלות אין ענגלאנד האבען זיך ארויסגעזאגט געגען חיימזאנ'ס קאנדידאטור אויפ'ן אמט פון סעקרעטאר פון באארד אף דעפיוטיס. די שטעלונג מאטיווירען זיי דערמיט, וואס חיימזאן האט נישט די נויטיגע קוואליפיקאציעס פאר דעם אמט, און צוליב זיין טעטיגקייט פון דער פערגאנגענהייט.

אחרי מחלה כבדה וממושכה שבק חיים לכל חי' בשנת החמישים ושבע לימי חייו אבינו, חותננו, זקננו היקר, החסיד המופלג בתורה וביראה נ. ע.

יוסף בארנשטיין מדווארט

בנו של החסיד ר' ישראל מאיר זצ"ל

אחיו של הרה"ג מביאלא זצ"ל בעל „אגודות אזוב"

החלוי' תהי' היום ביום ב'לשבט תרצ"ב בשעה 11 בבוקר ממעון של בנו המו"צ ר' אהרן נ"י בארנשטיין ברחוב פיעטריקאווער 191.

השרויים בצער עמוק משפחתו המתאבלת.

„לינת הצדק". לאדז, ציגעל-גאס 17.

פיזיקאליש טעראפישער קאבינעט

איז טעטיג טעגליך פון 1–11 מיטאג און פון 4 ביז 6 אוונד געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון א דאקטאר-ספעציאליסט

קווארץ-לאמפ, דיאטערמיע, סאלוקס, עלעקטרישע בעדער.

273

את ידידי ושכני

ר' עמנואל מילשטיין, לאדז

עם כב"ב הנני מברך מטמקא דלבאי בברכת מז"ט לרגלי שיאות בתו הבתולה המהוללה מרת ביל"א דינה תחי' עב"ג הבה"ח יצחק אייזיק ב"ר אברהם איכענצווייג נ"י ביום א עש"ק בא י"ז לחודש שבט תרצ"ב. יתן ד' שיה' דרכם סוגה בשושנים כל ימי חיהם

ידידו ושכנו

409 — מענדל בנו נבוים ו' עיתו

מאשין-מצות

ווערט געבאקען אלע טאג פרישע און ריינע, ווי אויך מצה-מעהל, אייער-פערפעל און סוכארעס לויט קארלסבאדער סיסטעם

מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט-בעקאנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער איבערא - בעוואוסטער צוקערביע

ב. וויינבערג

38 פיעטריקאווער 38

:-: טעל. 143-82 :-:

אנ'ארט צו שלאפען

פאר 1 אדער 2 יונגעלייט

איז אפצוגעבען פון זאפאס. — צו ע פאהרען פיעטריקאווער 33, אויפ'ן 2. הויף, פארטער

נאך לאנגע שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 62 יאהר מיין ליבע פרוי, אונזער טייערע און אונפערגעסליכע מוטער, שוויגערמוטער, גרויסמוטער, שוועסטער, שוועגערין און טאנטע

נ. ע. מרים

זילבערבערג

די לויה קומט פאר היינט, מאנטאג, ד. 18 יאנואר 1932 1 אזייגער ביי טאג פון טרויער הויז זאקאנא 19, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

417

די טיפטרויערנדע היגטערבליבענע

אונזער ליבען

ה' צבי מילשטיין

צו זיין חתונה מיט פרל.

אסתר שטיינשניידער

ווינשען א הארציגען מזל-טוב

408 — י. רעדער און פרוי.

צו דער חתונה פון אונזער פריינד

מענדעל סוכעצקי

מיט פרל. טאבטשא קשעפיצקא

ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט.

415 — אברהם בלאכמאן און פרוי.

„ליטעראריש בלעטער"

אילוסטרירטע וואכענשריפט פאר ליטעראטור, טעאטער און קונסט.

רעדאקטאר נחמן מייזיל. ארויסגעבער ב. קלעצקין.

אריינגעטראטען אין ניינטען יאהרגאנג.

יעדער פריינד פון יודישן ווארט דארף אבאנירען די „ליטער. בלעטער"!

די אנגעזעהענסטע יודישע שרייבער בעטייליגען זיך אין די „ליטער. בלעטער".

אין יעדען נומער—לידער, נאוועלען. ארטיקלען איבער אלץ, וואס טוט זיך אין דער יוד. און נישט-יודישער קונסט און קולטור-וועלט

צוליבן קריזיס דער אבאנאמענט-פרייז פערקלענערט!

אין פוילען: 3 חדשים – 5 גילדען.

אין אמעריקע, דרום-אמעריקע, דרום-אפריקע, ענגלאנד – 4 דאלאר.

אין לענדער מיט נידעריגער וואלוטע – א יאהר 3 דאלאר.

אדרעס: „Literarisze Bleter", Warszawa, Nalewki 2a

פאר געלד אין פוילען: פ.ק.א. 98.58

398

